תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר



בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
קרית יואל - בני ברק

# אוצער תורה קוואל

## פרשת שופטים



### כיתה ו' (א-ב)

הר"ר מרדכי מנחם שווארץ הי"ו
הר"ר יואל וויינבערגער הי"ו

# חידו"ת לפרשת שופטים

**כי יפלא ממך דבר למשפט וגו'** ובאת אל הכהנים וגו' ודרשת והגידו לך את דבר המשפט. אמר [הרה"ק משינאווא זי"ע] באכלי מזונות אצל מו"ח הגאה"ק ארי' דבי עילאי זלה"ה, עלה בדעתי לשאול עצת קדשו בענין תעניתים, וכשבאתי לפניו דיבר עם אחד, ואמר בזה הלשון: "פאסטען אז מען קען מהיכי תיתי, אך שאין זה העיקר", וכאשר שמעתי דברי קדשו לא שאלתי אותו יותר, כי שמעתי תשובה על אשר רציתי לשאול, ואמרתי אז בלבי דזה פירוש הכתוב כי יפלא ממך דבר למשפט וגו' ובאת אל הכהנים וגו' ודרשת והגידו לך את דבר המשפט, ולכאורה היה צריך לומר ודרשתם היינו שתשאל אותם, אך הפירוש כך דאם האדם מסופק באיזה דבר מדרכי ה' האיך לעשות, ילך להצדיקים וישמע דבריהם של הצדיקים, ממילא יודע לו האיך להתנהג, וזה ודרשת כשתדרוש בלבבך לבד, אך בלא שאלת פיהם, והגידו לך מעצמם את דבר המשפט מה שיש לך לעשות.

**(דברי יחזקאל)**

**שום תשים עליך מלך.** אמר הרה"ק ר' אשר ישעי' זצ"ל אבד"ק ראפשיץ, שהתורה הקדושה מרמזת לאדם ש"ישים" לו בקרבו "מלך" על עצמו שימלוך על כל גופו ואבריו, והוא השכל, שכל האיברים כולם לא יעשו דבר בלתי עצתו כאשר ישקול במאזני שכלו, אם לדבר בפיו ואם לשמוע באזניו, ואם לראות בעיניו, ואם לילך ברגליו, ואם לחמוד בלבו, ואם לעשות בידיו, ואם כן תעשה, אז תשכיל ותצליח.

**(אור ישע)**

**מקרב אחיך תשים עליך מלך לא תוכל לתת עליך איש נכרי.** ונראה לבאר על דרך המוסר, ידוע הנה ה"יצר טוב" נקרא "מלך", וזה לעומת זה כן ה"יצר הרע" נקרא גם כן "מלך", וכמו שאמר הכתוב (קהלת ד, יג) מלך זקן וכסיל, והזהירה אותנו תורתינו הקדושה, באם "תשים עליך מלך" תדע "מקרב אחיך וכו'", זהו שמביא אותך להתחברות השי"ת, אותו "תשים עליך מלך" ולילך אחר עצתו הטובה, "אחיך" הוא מלשון התחברות, "לא תשים עליך איש נכרי", רצה לומר שלא תמליך עליך חס ושלום את ה"יצר הרע" שנקרא "נכרי", שעל ידו מתנכר מעשים לאבינו שבשמים, כי אם תראה לילך אחר עצת היצר טוב ולעבוד אותו באהבה ויראה, ואז תלך לבטח דרכך.

**(דעת משה)**

**לבלתי רום לבבו מאחיו ולבלתי סור מן המצוה ימין ושמאל.** י"ל כי המתגאה כאלו עובד עבודה זרה (סוטה ד ע"ב) ואמרו חכמינו ז"ל (ילקוט צו, בשם הזוה"ק) אין צו אלא עבודה זרה, ותכלית הענוה הוא מדת מה, ואם תכתוב תיבת מצוה ותסיר ממנו אות הימיני והשמאלי הוא אותיות מה, וישאר באמצע תיבת צו, הרומז על עבודה זרה והיינו לבלתי סור מן המצוה ימין ושמאל.

**(חתם סופר)**

**תמים תהיה עם ה' אלוקיך.** הרה"ק איש אלוקים מרן הבעל שם טוב זי"ע [אמר] על הפסוק "תָּמִים תהיה", התיו הוא דגושה נקודה בתוכה, שצריך להיות "תמים" בנקודת הלב.

**(דעת משה)**

# דער כח פונעם שופר אין חודש אלול

הגה"ק רבי איציק'ל מפשעווארסק זי"ע, האט דערציילט וואס ער האט געהערט פון הייליגן שינאווא'ער רב זי"ע, אז אין די צייטן פונעם הייליגן רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע, זענען אמאל צוויי חברים געגאנגען אינאיינעם שפעט ביינאכט איבער א בריק. אזוי גייענדיג באמערקט איינער פון זיי אז דער חבר באגלייט אים מער נישט, האט ער זיך אפגעשטעלט ווארטן, טראכטנדיג אז מסתמא האט זיך יענער געדארפט אפשטעלן, און ער וועט אים שוין נאכקומען. אבער ווען די צייט האט זיך פארצויגן, און יענער איז נאך אלץ נישט אנגעקומען האט ער זיך געעומען זוכן אויף אלע זייטן, און שפעטער איז ער אויך אריין אין שטאט מאכן א געוואלד אז אנדערע זאלן זיך אויך באטייליגן אינעם זוכן, ווען עס האט אנגעפאנגן צו ווערן ליכטיג האט מען געהאפט אז יעצט אין די ליכטיגקייט וועט מען איהם שוין זיכער טרעפן. מען האט געזוכט אינעם וואסער אונטערן בריק אויף וועלכן זיי זענען געגאנגען, ווי אויך אין די גאנצע געגנט ארום, אבער מען האט גארנישט געטראפן.

אזוי האט מען זיך צוגעוואוינט צום מצב, זיין פרוי די עגונה האט זיך פון צייט צו צייט געווענדן צו פארשידענע צדיקים זיי זאלן אויף איר מתפלל זיי אז זי זאל טרעפן איר מאן. ביז מיט יארן שפעטער איז זי לויט די עצה פון גוטע פריינט געפארן קיין ליזענסק צום הייליגן רבי'ן רבי אלימלך זי"ע, און זי האט זיך פאר אים אויסגעגאסן איר ביטער הארץ, ווי דער רבי ר' אלימלך זי"ע האט דאס געהערט האט ער גלייך אפגעשריבן א בריוו, און ער האט געזאגט פאר די פרוי צו וועלכן וואלד זי זאל גיין מיט'ן בריוו, און ער האט איר אנגעזאגט אז ווען זי וועט דארט זען אריבער גיין א קבוצה מענטשן, זאל זי זיי איבערגעבן דעם בריוו.

ביי די ערשטע געלעגנהייט איז זי אריבער געפארן צו יענע וואלד, אזוי ווארטנדיג צו באגעגענען די ערשטע פארבייגייענדיגע קבוצה באמערקט זי מיטאמאל ווי עס קומען אנטקעגן א קבוצה פון פריצים און מיליטער לייט וועלכע האבן אנגעווארפן א מורא'דיגן פחד, דאס זענען געווען רוחות פון די כח פונעם שטן, וואס איז די סטרא אחרא רח"ל - אזוי אז זי איז אראפ געפאלן אן כח, און דערפאר האט זי זיי געלאזט

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק


פארבייגיין און זי זאל זיי האבן איבערגעבן דעם בריוו.

ווען זי האט זיך געשטארקט און זיי נאכגעגאנגען, האט זי געזעהן ווי זיי גייען אריין אין א דערנעבנדיגן פאלאץ.

האט זי זיך געשטעלט אינדרויסן ווארטן צו האבן די מעגליכקייט איבערצוגעבן דעם בריוו, מיטאמאל קומט איינער ארויס און פרעגט איר וואס זי וויל, האט זי האיהם איבערגעגעבן דעם בריוו.

ווי יענער איז אריין מיטן בריוו האט זיך ארויסגעהערט קולות ווי מען טענה'עט זיך, וואס מישט ער [מיינענדיג דעם רבין רבי אלימלך זי"ע] זיך שטענדיג אריין אין אונזערע געשעפטן !... שוין ווייטער זאגט ער אונז דיעות !... זאל ער זיך אפלאזן פון אונז !... א.א.וו.

וואס האבן מיר צו טוהן - האבן זיי געפרעגט - דארפן מיר זיך רעכענען מיטן בריוו צו נישט?

יא! איז געווען דער ענטפער פונעם עלטסטן צווישן זיי - מיר האבן נישט קיין ברירה און מיר דארפן אויספאלגן זיין בריוו.

גלייך דערויף האט זיך געעפנט די טיר און זיי האבן ארויסגעווארפן איר מאן, וועלכער איז גארנישט געווען צו דערקענען, ער איז געווען שמוציג און באוואקסן און נישט געקענט רעדן.

ערשט ווען זי האט געדינגען א וואגן איהם אהיימצופירן און נאך עטליכע חדשים זיך אויסרוען, האט ער דערציילט ווי די כוחות הטומאה האבן איהם רח"ל אריינגעכאפט, און איהם געפייניגט מיט אויסערגעוועגליכע יסורים, חוץ פון חודש אלול ווען אידישע קינדער בלאזן שופר פלעגן זיי א גאנצע חודש ליגן אויף די ערד ממש ווי נישט קיין לעבעדיגע, הערנדיג דעם קול שופר, און נאר בזכות דעם קול שופר פון דעם חודש - כאטש דאס איז נישט מער ווי א מנהג - האב איך כאטש דעם חודש געהאט מנוחה.

*

עס שטייט אין ספר זכרון לראשונים אז אמאל ראש חודש אלול איז דער הייליגער בארדיטשוב'ער דער קדושת לוי זי"ע געשטאנען ביים פענסטער, פונקט איז דעמאלטס אריבער געגאנגען א שוסטער א גוי, וועלכער פלעגט זיך ארומדרייען איבער די הייזער זיך אנצוטראגן צו פאררעכטן שיך.

זעענדיג דעם קדושת לוי ביים פענסטער, איז דער שוסטער צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט, איר האט גארנישט וואס צו פאררעכטן?

הערנדיג די דאזיגע ווערטער, האט זיך דער הייליגער בארדיטשעווער רב זי"ע זייער צעוויינט, ער האט זיך געזעצט אויף די ערד און געיאמערט, וויי איז צו מיר, עס דערנענטערן זיך די ימי הדין, און איך האב נאך גארנישט פאראכטן, נישט אומזיסט האט דער גוי מיך געפרעגט צו איך האב עפעס צו פאררעכטן, ער איז מסתמא א שליח פון הימל מיר צו דערמאנען אז איך האב אסאך וואס צו מתקן זיין.

# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק


# הילולא דצדיקיא

## הגה"ק רבי יקותיאל יהודה טייטלבוים זיעועכי"א
## בעל "ייטב לב" יומא דהילולא ו' אלול

כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע האט דערציילט, אז איינמאל איז געקומען צום זיידן דער ייטב לב זי"ע א איד פון דעם דארף "קאפאניע" וואס איז נעבן סיגוט, און ער האט זיך באקלאגט פאר'ן ייטב לב אז עס איז ארויף אויף אים א צרה.

ער האט שוין יארן א קרעטשמע, ווי ער מאכט אליין בראנפן, פון וואס ער איז רייך געווארן, לעצטנס, האט אים דער גלח מקנא געווען, און ער האט אויפגערייצט די גוים, אין זייער "תיפלה" אנטקעגן אידן, ער האט זיי פארבאטן אז זיי טארן מער נישט טרינקען בראנפן.

די פויערן האבן אויפגעהערט צו טרינקען בראנפן, און מיין געשעפט איז ליידיג, איך פארליר מיין גאנצע פרנסה.

האט אים דער ייטב לב געזאגט "דו זאגסט דאך בורא נפשות! האסטו נישט וואס מורא צו האבן, ווייל די גוים וועלן במילא צו דיר צוריק קומען".

דער קרעטשמער האט נישט פארשטאנען די ווערטער פונעם ייטב לב, וואס פאר א שייכות האט דאס מיטן בורא נפשות. ער איז פון דארטן אהיים מיט א צובראכן הארץ. אין דארף האט אויסגעבראכן א שווערע מגיפה, ווי אסאך פויערן זענען געשטארבן, און א טייל זענען געלעגן קראנק אין בעט, מען האט אראפ געברענגט גרויסע דאקטורים, צו דערגיין וואס האט געברענגט די שווערע מגיפה?

נאך די פארשונגען, זענען זיי געקומען צו די החלטה, אז די פויערן זענען פארשמירט און זענען שמוציג, דעריבער האט זיך אין זיי אנגעקלעבט די מגיפה! אבער ס'איז דא צו דעם א רפואה, אויב זיי וועלן טרינקען בראנפן, וועט זיך אין זיי נישט אנקלעבן די מגיפה, ווייל די בראנפן רייניגט און פארברענט אלע קרענק.

די רעגירונג האט נאכגעפארשט פארוואס די פויערן פון דארף האבן לעצטנס אויפגעהערט צו טרינקען בראנפן? ווען זיי זענען געוואויר געווארן, אז דאס איז די ארבעט פונעם גלח וואס ער האט זיי פארבאטן צו טרינקען בראנפן האבן זיי באפוילן, מען זאל דעם גלח איינשפארן אין תפיסה, מען האט דעם גלח גע'משפט, ווי ער האט באקומען א שווערע שטראף.

די פויערן האבן נאכדעם אנגעהויבן ווייטער צו טרינקען בראנפן, ביים קרעטשמער, ווען דער קרעטשמער האט געזעהן די אלע מופתים, איז ער געקומען צום ייטב לב זיך באדאנקען פאר די גרויסע ישועה וואס עס איז געקומען דורך אים, דער קרעטשמער האט געפרעגט דעם ייטב לב, איין זאך וואס איך פארשטיי נישט, וואס האט צוטוהן בורא נפשות, מיט די פויערן?

האט אים דער ייטב לב געגעבן צו פארשטיין, מיר זאגן "בורא נפשות רבות וחסרונן על כל מה שבראת להחיות בהם נפש כל חי" דארף מען פארשטיין, מען הייבט אן מיט א לשון רבים "נפשות" און מען ענדיגט די ברכה מיט א לשון יחיד "נפש"?

אבער מען קען זאגן, די כוונה פון "בורא נפשות רבות" איז ווי רש"י זאגט אין פרשת ויגש, אז ביי יעקב אבינו שטייט, שבעים "נפש" ווייל זיי אלע האבן געדינט איין באשעפער, אבער ביי עשו שטייט "נפשות" ווייל זיי האבן געדינט צו מערערע אפגעטער.

מיט דעם, קען מען טייטשן "בורא נפשות רבות", דער וואס דער אייבישטער האט באשאפן אסאך גוים, "וחסרונן", פארוואס האט ער זיי באשאפן? און צו וואס פעלן זיי אויס?

אויף דעם קומט דער תירוץ, "על כל מה שבראת להחיות בהם נפש כל חי", אז דורך זיי זאלן די אידן וואס ווערן אנגערופן "נפש", האבן פרנסה, קומט אויס, אז אויב די גוים ווילן נישט געבן פרנסה פאר'ן איד, פעלן דאך די גוים נישט אויס!.

אזוי ווי די פויערן האבן מער נישט געקויפט ביי דיר די בראנפן, דרפן זיי לכאורה שוין נישט לעבן? אבער יעצט, אז זיי קויפן שוין ווייטער ביי דיר בראנפן, קענען זיי שוין לעבן, און דערפאר איז געקומען די ישועה פון הימל.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**